# וואָרעמער

I.

גאָט האָט אַרויסגעשיקט
פֿון הימל אַ פֿינגער
און געגעבן אַ ווונק:
טאָג זאָל שוין ווערן !

דאָס הייליקע וואָרט
האָט די ערד אויפֿגעכאַפּט,
און ווײַס איז געוואָרן
אין פֿענצטער די שויב,
ווײַס אָנגעטאָן
האָבן תּיכּף זיך ביידע
די וואַנט און דער שאָטן.
ווײַס איז געוואָרן
דאָס בעטל מיט מיר.

איך ליג בײַ דעם פֿענצטער
און טראַכט פֿון מײַן חלום:

איבער בערגלעך לויף איך,
איבער פֿעלדער לויף איך
און איך זוך מײַן מאַמע.
קומט אַ הירש מיט זיבן הערנער
און מאַכט צו מיר אַזוי:
זיבן יאָר בין איך אַלט,
זיבן יאָר וועסטו לויפֿן
זוכנדיק דײַן מאַמע.
הייב איך אָן אין פֿעלד צו וויינען
און די גראָזן וויינען מיט.
שטייט דער הירש מיט זיבן הערנער
און זאָגט צו מיר אַזוי:
איך בין אַלט זיבן יאָר, —
שווער צו לויפֿן זיבן יאָר,
איבער יונגע און אַלטע וועלדער, —
איבער קליינע און גרויסע בערגלעך
האָט מיך גאָט געהייסן שפּרינגען;
אפֿשר וועל איך ערגעץ

אין וועג דײַן מאַמע טרעפֿן, —
וואָסער סימן זאָל איך זאָגן ?
הייב איך אָן אין פֿעלד צו לאַכן
און די גראָזן לאַכן מיט — :
דעמאָלט ווען זי איז אַוועק
האָט זי אַ גאַנצן טאָג געקוקט אויף מיר
און מיר דערציילט, אַז אין מײַנע
רונדע בעקלעך בליען בלומען.
רויט ווי בלוט און ווײַס ווי מילך ;
אַז דו טרעפֿסט מײַן מאַמע – זאָג איר :
פֿון אויגן גיסט זיך נישט קיין ליכט
אויפֿן פּנימל פֿון קינד,
די בלומען הייבן אָן צו וועלקן — —

כ׳האָב נאָך מײַן חלום נישט געענדיקט
און עס וויגט זיך שוין מײַן שטיבל
הייליק שטיל אויף פֿרישע כוואַליעס
ליכט, וואָס גיסט זיך פֿון די שויבן.

דעם פֿענצטער שפּרײַזט די זון אַריבער
און זעצט זיך פֿריילעך אויפֿן בעטל.

איך ליג און הער ווי זי גלעט מיך :
קינד מײַנס, קינד מײַנס ! שלאָפֿסט קיין נאַכט נישט,
מײַן אָרעם קינד ! דו ליגסט און וויינסט
און אין גאָרטן דײַנע ברידער
האָבן זיך שוין זיבן לידער
פֿון די פֿויגל אויסגעלערנט
און זיי שטרעקן אויס די אָרעמס
צו אַלע טויערן פֿון גאָרטן
און זוכן דיך אַרום.

---

II.

בוימער, בייגט זיך
נענטער צו מיר,
אײַער יונגערן ברודער.

אין אײַער גרינעם לעבן
וועל איך אײַנטונקען מײַן בליק
און בײַ אײַך אויף די בלעטער
אַראָפּשרײַבן פֿון האַרץ,
אפֿשר וועט מיר גרינגער ווערן.

און ווען מײַן לעבן זײַן פֿאַרעקשנט
אין זײַן גראָער לאַסט, —
וועל איך שטיין נעבן אײַך
און זיך צוזען, ווי דער זומער
רײַסט ברענענדיקע ריטער
(פֿון די רויטע הימל-וועלדער,
וואָס צעוואַקסן זיך באַגינען)
און טרײַבט לוסטיק זײַן נשמה
דורך אײַערע פֿולע אָדערן.

און ווען מיר נאָך אַלץ שווער זײַן,
וועל איך אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן אײַך.

אַ ווינט וועט אײַלנדיק אין וועג דערזען
צושפּרינגען צו אײַך אַ פֿרעג טאָן, —
וועט איר שאָקלען מיט די צווײַגן:
אַ גוט ברודערל
איז געקומען צו אונדז,
ער איז מיד פֿון וועג
און אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

און די, וואָס וועלן שפּאַצירן גיין,
וועלן רעדן צווישן זיך:
אַן אָפּגעריסןביימל
האָט מיטן אָנקומען פֿון זומער
זיך פֿאַרבענקט צום גאָרטן.

------------------------------------------------------------------

הײַנט ; פֿאָרמעלער נאָמען :נײַעס פֿון הײַנט (וואַרשע)2, נומ׳ 79, אַפּריל 2, **1920**, ז׳ 9